**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול און סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט מעלדן דאס גרונטשטיין לייגן פון סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט 106 מיליאן דאלערדיגע געזונטהייט וויסנשאפט צענטער**

***ניי טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג פארמאגט 70,000 סק. פיס פון ענערגיע-גינציגע קלאס צימערן, לאבאראטאריעס און אפיס ערטער***

***צענטער וועט אנטהאלטן נייע נורסינג פראגראם און פאראייניגן די אוניווערסיטעט׳ס ברייט-ארומנעמענדע געזונטהייט וויסנשאפט אנבאטונגען אינערהאלב אן איינציגער אויספירליכע לערנונג סביבה***

***אום ׳אינטערנאציאנאלע נורסעס טאג׳ טוט אינוועסטירונג אפשפיגלען ברייטערע איבערגעגעבנקייט צו ניו יארק׳ס געזונטהייט ארבעטסקראפט***

***געביידע מאלערייען צו געפונען [דא]()***

גאווערנער קעטי האָקול און סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט האבן היינט אויסגעמאלדן דאס גרונטשטיין לייגן פון סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט 106 מיליאן דאלערדיגע געזונטהייט וויסנשאפט צענטער, א נייע 70,000 סק. פוסיגע ענערגיע-גינציגע אקאדעמישע געביידע מיט קלאס צימערן, לאבאראטאריעס, סימולאציע איינריכטונגען, אפיס ערטער, צוזאמענארבעט ערטער, און אפן-לופטיגע טעראסעס. דער נייער געזונטהייט וויסנשאפט צענטער איז ערווארטעט זיך צו עפענען אין הערבסט 2024 און וועט זיין א קביעות׳דיגער היים ארט פון דעם נייעם אונטער-גראדואיר נורסינג פראגראם ביי סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט. דער געזונטהייט וויסנשאפט צענטער ווערט געשטיצט דורך א 5 מיליאן דאלערדיגע ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג קאפיטאל סומע-אין-גלייכןביישטייערונג פון דער דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק און א 700,000 דאלערדיגע ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ גרענט פון רונדע עלף פון דעם ראיאנישן עקאנאמישן אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו.

״דורכאויס די פארלאפענע צוויי יאר זענען ניו יארק׳ס נורסעס געווען אויף די פארנט-ליניעס פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, און מיר זענען שולדיג פאר יעדע איינע פון זיי א חוב פון דאנקבארשאפט,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״דער נייער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע געזונטהייט וויסנשאפט צענטער ביי סט. דזשאָן׳ס אוניווערסיטעט וועט זיין קריטיש-וויכטיג אויף אויסצושולן דעם קומענדן דור פון ניו יארק׳ס סאמע בעסטע און מערסט טאלאנטפולע נורסעס, און פארזיכערן אז זיי שטייען גרייט צוצוטרעטן און באשיצן זייערע ניו יארקער מיט-בירגער ווען מען נייטיגט זיך אין זיי דאס מערסטע.״

דער געזונטהייט וויסנשאפט צענטער וועט אנטהאלטן קלאס צימערן, טעכנאלאגיש פארגעשריטענע סימולאציע סוויטעס און מאדערניזירטע לאבאראטאריע ערטער. סימולאציע בילדונג איז א הויפט באשטאנדטייל פון געזונטהייט בילדונג, וועלכע איז ניצבאר אין אויסלערנען טראדיציאנעלע קלינישע

ערפארונגען. סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט וועט ניצן סימולאציע באשטאנדטיילן אויף אויסצושארפן סטודענטן׳ס דיסציפלין וויסנשאפט דורך ניצן שארפע אויפפאסונג פאציענט ביישפילן.

בשעת די סימולאציע וועלן קלינישע סיטואציעס ווערן נאכגעמאכט אין א קאנטראלירטע אויסשול סביבה ניצנדיג מאניקינען, סטאנדארטיזירטע פאציענטן, אדער דורך ווירטועלע מיטלען אויף צו ערמעגליכן פאר סטודענטן אנצווענדן קענטעניס און געניטשאפט אן דאס ריזיקירן פאציענט זיכערהייט. די סימולאציע סצענעריאס זענען אויסגעשטעלט אויף צו מוטיגן סטודענטן אפצושאצן און פארוואלטן פאציענטן, אידענטיפיצירן און פריאריטיזירן פאציענט פראבלעמען, און דורכפירן הויפט אינטערווענצן פאר ווירקזאמע פאציענט באהאנדלונג אין א זיכערער סביבה.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט אונז געוויזן ווי נייטיג עס איז דער נורס שטאב, וועלכס איז קריטיש-וויכטיג צו פארזיכערן הויכע-קוואליטעט געזונטהייט באהאנדלונג פאר אלע ניו יארקער. ניו יארק סטעיט׳ס אינוועסטירונג אין סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע געזונטהייט וויסנשאפט צענטער שפיגלט אפ אונזער סטראטעגישע פאקוס אויף ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טוט ארויסהייבן ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו שטערקער מאכן אונזער העלטקעיר סיסטעם. דער נייער געזונטהייט וויסנשאפט צענטער וועט שאפן 21׳סטע יארהונדערטיגע דזשאָבס דורך שאפן א קראן פאר נורסינג שטאב אין דעם ראיאן וועלכע וועט העלפן ערפילן א קריטיש-וויכטיגע נויט לענגאויס דעם סטעיט.״

דאס גרונטשטיין לייגן פון דעם געזונטהייט וויסנשאפט צענטער קומט אינאיינעם מיט ׳אינטערנאציאנאלע נורסעס טאג׳, וועלכס טוט ארויסהייבן די וויכטיגקייט פון דער נורסינג פראפעסיע.
ווען פארענדיגט, וועט דער נייער איינריכטונג ערמעגליכן פאר סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט צו טרענירן סטודענט-נורסעס מיט די מערסט המצאה׳דיגע טרענירונג געצייג און טעכניקן פאראן. אפליקאציעס פאר דער אוניווערסיטעט׳ס וויסנשאפט באקלאוראט אין נורסינג ווערן איצט אנגענומען און פארברייטערונגען זענען אונטערוועגנס פאר׳ן ערשטן קאהארט פון סטודענטן אנצוהויבן קלאסן אין אוגוסט. דער נייער אונטערגראדואיר נורסינג פראגראם איז ערווארטעט צו פראדוצירן אומגעפער 125 נורסינג גראדואירער יערליך.

**סטעיט סענאטאר לעראוי קאמרי האט געזאגט,** ״דאס גרונטשטיין לייגן איז א וואונדערבארער אופן צו פייערן ׳אינטערנאציאנאלע נורסעס טאג׳, פארעהרן סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט׳ס טריישאפט צו אונזער קאמיוניטי, און אפצייכענען דעם אנהייב פון די אומצאליגע צוקונפטיגע נורסעס וועלכע וועלן טרענירט ווערן מיט הויכע געניטשאפט ביי דעם נייעם געזונטהייט וויסנשאפט צענטער. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האוקול און קאלעגעס לענגאויס דער רעגירונג האבן איינגעזען די חכמה פון ניו יארק׳ס מולטי-יעריגע אינוועסטירונג אין מאכן דעם געזונטהייט וויסנשאפט צענטער א ווירקליכקייט. איך קוק ארויס אויף ווייטער צוזאמצוארבעטן מיט סט. דזשאן׳ס אין הייבן בילדונג, געזונטהייט און אונזער געמיינזאמע קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעיוויד איי. וועפרין האט געזאגט,** ״דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע האבן מיר זיך פארלאזט אויף אונזערע שפיטעלער און פארנט ליניע העלטקעיר ארבעטער אונז צו שטיצן און אפגעבן פון זיך זעלבסט פאר׳ן וואוילזיין פון אונז אלע. עס איז מיר א כבוד געווען זיך צו באטייליגן היינט אינדערפרי אין דעם גרונטשטיין לייגן צערעמאניע פאר׳ן נייעם געזונטהייט וויסנשאפט צענטער ביי סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט. די איינריכטונג איז א קריטיש-וויכטיגער אינוועסטירונג אין אונזער העלטקעיר בילדונג און קאמיוניטי אינפראסטרוקטור. אין דעם ׳אינטערנאציאנאלן נורסעס טאג׳, שטאלציר איך מיך צו שטיין אין שטיצע פון אונזערע איצטיגע און צוקונפטיגע העלטקעיר העלדן.״

**ניו יארק סיטי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער ווינסטאן פישער, שותף ביי ׳פישער בראָדערס׳, און פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז, CUNY קאנצעלאר, האבן געזאגט,** ״דאס אינוועסטירן אין אונזער ארבעטסקראפט איז א וויכטיגער פריאריטעט פאר די ראיאנישע קאונסילס און די פאנדעמיע האט באטאנט ווי נייטיג עס איז צו פארברייטערן די צאל געניטע נורסעס. דער NYREDC שטאלצירט זיך צו שטיצן דעם געזונטהייט וויסנשאפט צענטער ביי סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט, וועלכס וועט זיין א וויכטיגע לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג אין צוקונפטיגע העלטקעיר ארבעטער וועלכס וועט פארברייטערן אונזער ארבעטסקראפט פון נורסעס מיט גוט באצאלטע דזשאָבס און גלייכצייטיג אויך מאכן וואקסן די סטעיט׳ס עקאנאמיע.״

**פרעזידענט פון סט. דזשאן׳ס אוניווערסיטעט רעווערענד בריען דזשעי. שענלי, OP, האט געזאגט,** ״נורסינג איז נישט בלויז א דזשאָב אדער א קאריערע — עס איז א בארוף, אן אמת׳ער אויפרוף צו דינסט, די סארט מיטגעפילישע דינסט וועלכע עס איז ביים הארץ פון די טראנספארמאטיווע קאטוילישע און ווינסענטישע אויפגאבע פון א סט. דזשאן׳ס בילדונג. היינט, מיט א גרויסע אינוועסטירונג און פארברייטערטע פארשפרעכונג צו די געזונטהייט וויסנשאפטן, העלפט סט. דזשאן׳ס ענטפערן דעם בארוף.״

אין דעם דורכגעפירטן פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט, האט גאווערנער האוקול [דערלאנגט](#) א היסטארישע 20 ביליאן דאלערדיגע מולטי-יעריגע אינוועסטירונג אויף צו שאפן בעסערע ארבעט אומשטענדן פאר העלטקעיר ארבעטער, מיט 1.2 ביליאן דאלער געאייגנט פאר פארנט ליניע העלטקעיר ארבעטער באנוסן, און א 4.5 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין געהאלט רעפארעמען. אנדערע היסטארישע אינוועסטירונגען רעכענען אריין 2.4 ביליאן דאלער געצילט אויף צו פארבעסערן העלטקעיר אינפראסטרוקטור און 3.9 ביליאן דאלער אין פינאנצירונג צוזושטעלן הילף פאר שפיטעלער וועלכע זענען פינאנציעל אנגעשטרענגט צוליב דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

פאראיאר האט גאווערנער האוקול [אויסגעמאלדן](#) דעם ׳נורסעס פאר אונזער צוקונפט׳ סקאָלערשיפ. דער סקאָלערשיפ דעקט שטודיר קאסטן פאר 1,000 נייע אדער איצטיגע העלטקעיר ארבעטער אויף זיך צו שאפן אן אסאסיעט דעגרי אין נורסינג (ADN) אדער א בעטשעלאר׳ס דעגרי אין נורסינג וויסנשאפט (BSN) ביי א צוויי-יעריגע אדער פיר-יעריגע ניו יארק סטעיט פובליק קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418